**Под звуки джаза. Борис Сандлер.**

Рассказ прозаика, поэта и журналиста Бориса Сандлера в переводе Елены Сарашевской. Родился Б.Сандлер в Молдавии, окончил Кишиневскую филармонию и первую еврейскую группу Высших литературных курсов при Литературном институте им. Горького в Москве В 1988 году был принят в Союз писателей СССР. Лауреат многих престижных премий по литературе. Живет в Нью-Йорке.

## ПОД ЗВУКИ ДЖАЗА

Караван из пяти верблюдов двигался неспешным мерным шагом. Пять гордых животных отсчитывали версты, оставляя на раскаленном песке маленькие следы своих мозолистых ступней. Прикрыв глаза и словно бы погрузившись в сон, они совершали свой путь, меланхолично пожевывая мягкими губами. Их узкие ноздри слегка подрагивали, принюхиваясь к разгоряченному воздуху и уже улавливая в его потоках свежий ветерок оазиса, райского островка посреди пустыни. Пять верблюдов – как пятеро братьев из одного джаз-бэнда…

Мой сон прервался вместе со звуками известной джазовой композиции Дюка Эллингтона «Караван». Видение растворилось, но оставило на границе реальности едва уловимый образ – чье-то лицо. Это было сродни тому, как морская волна внезапно исторгает из пучины вод давным-давно утонувшую вещь и вышвыривает ее на берег.

Я ухватился за этот образ в самое последнее мгновение перед пробуждением. Запечатленное памятью лицо вновь и вновь возникало в сознании. Оно казалось таким знакомым, возможно, даже было связано с неким событием из моей жизни, но вспомнить его я не мог. Оно тревожило меня, как назойливо звенящий колокольчик, и что бы я ни делал, все время напоминало о себе: «Динь-динь, я здесь…».

Я пытался вспомнить сон, чтобы отыскать разгадку в нем. Пытался, как говорят, восстановить цепь событий. Но нет. Она все время рвалась, эта цепь. Звуки – один за другим – рассеялись, исчезли в болезненно-ярком свете пустыни, который ослепил меня, заставил проснуться и распахнуть глаза, дабы плавильня сна не превратила мои зрачки в два уголька. Меня спасли веки – разомкнулись, позволив увидеть мягкие солнечные лучи раннего утра. Так знакомое лицо незнакомца из сновидения осталось со мной.

Мне стало ясно, что оттуда, из пустыни снов, я ответа не получу. Оставалось искать его в хранилище памяти, где покоятся ныне все лица, виденные на моем веку. Некоторые из тех, кому они принадлежали, сыграли в моей жизни важную роль. Собственно, с них моя память и началась. Они не прятались за красивыми масками, но запечатлелись очень ярко, оставшись там навсегда. Для меня эти лица стали драгоценными жемчужинами, нанизанными на короткую шелковую нить. Я могу перебирать их пальцами, произнося строчку из святой молитвы: дедушка, бабушка, папа, мама: «Исгадал ве-искадеш шма рабо...»*

Дед мой был благочестивым евреем. Помню, как однажды он сидел в беседке во дворе нашего дома, и бабушка привела к нему гойку.** Несмотря на жаркий летний день, крестьянка была в черном платье и черном платке. Немой взгляд голубых глаз на бледном лице. Она стояла напротив деда, будто набрела случайно на вековую стену ужаса и кровавых наветов, отделявших ее от старого «жида».

Что должно было случиться с этой женщиной, чтобы она пришла к моему деду? Ей приснился дурной сон. Умные люди посоветовали ей поехать на юг и встретиться с благочестивым евреем. Я не знаю, что за сон она увидела. Я подслушал только, как дед, не отрывая глаз от Святого Писания,

громко сказал – то ли самому себе, то ли бабушке, а может, крестьянке: "Кол hахалоймес hойлхим ахер hапэ!»

Бабушка взглянула на гостью. Та стояла, окаменев, будто дедушкины слова упали на нее тяжелым проклятьем.

– Авром! – произнесла бабушка. – Говоришь с женщиной – говори на человеческом языке.

Все это время я стоял рядом с бабушкой, но меня, понятное дело, в расчет никто не принимал.

– Если истолковать сон к добру, – пропел на идише дед, – сбудется хорошее. А если к плохому, случится что-то плохое.

Уткнувшись носом в свою святую книгу, дед  наконец изрек: «Пусть постится один день и одно воскресенье!» Слова эти прозвучали, как вердикт детского врача, который недавно осматривал мне горло, прежде чем выписать рецепт.

Проводив крестьянку до калитки, бабушка вернулась к плотно упакованному свертку, который гостья оставила на завалинке. Испуганное лицо этой женщины моя детская память сохранила надолго. Тогда я был уверен, что дедушкино «лекарство» помогло ей «истолковать сон к добру», как и горькая микстура помогала мне исцелиться от страшной ангины…

Хороший совет – истолковать сон к добру. И правда: почему мой трофей, образ из сна, должен предвещать плохое?! У бабушки был редкий талант распознавать «плохие лица» – их она чуяла за версту. «Плохой человек может, не дай Б-г, сглазить», – утверждала бабушка. И если я в такую минуту находился рядом с ней, она тут же прижимала меня к себе и накрывала краем фартука. Фартук она не снимала до тех пор, пока не ложилась спать. Помню, что фартуков у бабушки было два: один домашний, а другой – «на выход». Его она надевала, когда шла на рынок за покупками.

Почему край фартука мог спасти меня от дурного глаза, я узнал многие годы спустя. Оказалось, существует поверье, согласно которому, если женщина не носит фартук, особенно в ее нечистые дни, то злой дух, диббук, может вселиться в нее, как и в еврея, если кисти на его малом талесе повреждены и больше не могут его защитить. Где же найти мне сегодня тот бабушкин фартук?..

Как бы то ни было, я почти не сомневался в том, что образ из сна скоро обретет конкретные черты, и мне не придется прятать его ни от своих, ни от чужих. Представьте себе, что так и случилось. Я заметил, что моя жена в последнее время стала часто прихорашиваться. Чуть ли не каждый раз, проходя мимо зеркала в верхней комнате, она останавливалась, смотрела на свое отражение и взбивала волосы.

Это не вызвало бы у меня никаких вопросов, если бы мы собирались в гости или в ресторан. Но наводить красоту ради того, чтобы просто сидеть весь вечер перед телевизором… Странно, не правда ли? После сорока лет совместной жизни и, чтоб не сглазить, двух внуков, все это не кажется мне смешным. И я спросил ее прямо, мою благоверную: «Дорогая, что происходит?». Она окатила меня таким взглядом, против которого были бы бессильны и десять фартуков моей бабушки.

– Это ты у меня спрашиваешь? – крошечные пружинки в уголках ее накрашенных губ начали изгибаться и подпрыгивать. – Сколько еще мне мириться с тем, что в нашем доме поселился незнакомец? Ходит тут из угла в угол, как привидение!..

Боже мой!.. Эти слова ошеломили меня: так значит лицо из моего сна уже выбралось из моей головы и проникло в реальность?..

– Что с тобой в последнее время? Я тебя не узнаю! – моя жена не могла усидеть на месте, казалось, будто вся она состоит из пружинок. – Что стало с тем человеком, за которым я готова была идти в огонь и в воду? Как вышел на пенсию, так вечно хмурый и угрюмый, смотришь на всех сычом. Где твое прежнее лицо?

Тут уж я не смог промолчать:

– А то лицо, ради которого ты прихорашиваешься? От него ты в восторге?

– Чтобы ты знал... В том лице я… вижу тебя – твою прежнюю улыбку, красоту, тот огонек в твоих глазах…

– Довольно! Мне все понятно! – я вдруг почувствовал, как во мне закипает кровь.

Чтобы избежать скандала, я ушел к себе в комнату. Когда-то это была комната моей дочери, но после того как она вышла замуж и молодая семья переехала на съемную квартиру, я тихо «аннексировал» эту территорию. Собственно говоря, поначалу я там не особо хозяйничал. Мало ли что, не приведи Господь… Родительский дом для детей всегда открыт… Но уже скоро комната, как сказала жена, «обрела мое лицо». Я перенес сюда мое потертое кресло и полки с альбомами, в которых я храню мои сокровища – почтовые марки. Я начал их собирать, когда мне стукнуло десять лет. В конце 50-х коллекционирование марок распространилось среди мальчишек, как эпидемия. Особенно ценились марки, связанные с космосом. Я хранил их в одном из фолиантов моего деда. Это была религиозная книга, толстая и тяжелая, в твердом переплете. Страницы в ней, несмотря на то, что пожелтели от времени, выглядели крепче, чем в современных изданиях. Вот этим страницам, усеянным незнакомыми буквами, я и доверил свою космическую коллекцию. Дед об этом, понятное дело, ничего не знал, пока однажды не застал меня с книгой в руках. Я сидел на подоконнике и рассматривал только что выменянную марку.

Спохватился я лишь тогда, когда дед удивленно спросил:

– Разглядываешь мою книгу? Может, хочешь выучить алэф-бэйс? – по-своему истолковал он мой интерес.

Я промямлил что-то невразумительное – мой ответ на слабую надежду деда, что его внук взялся за ум. Спрыгнув с подоконника, я подошел к этажерке, где на второй полке рядом со второй книгой справа было место для «моей» книги.

Первый настоящий кляссер мне купил отец, когда был в командировке в Москве. О лучшем подарке я и мечтать не мог. Отец поддерживал мое увлечение. Я слышал, как он сказал маме: «Это хорошо… Почтовые марки – это целый мир. Есть чему поучиться». У мамы был другой аргумент: «Все лучше, чем бегать сломя голову по улице…».

Кроме марок на космическую тему среди моих еврейских друзей были популярны израильские марки. Свою первую израильскую марку я выменял на три «космические». Оказалось, что буквы на ней похожи на буквы в дедушкиных книгах. Деда к тому времени уже не было в живых, и мои первые пять букв из алэф-бэйс я выучил самостоятельно. Правда, на собственный лад: «И-з-р-а-л». Так, думал я тогда, звучит название страны на языке ее жителей.

Скоро, однако, израильские марки упали в цене. Это не было связано с антисионистской компанией в то время. Почти все наши соседи получали письма из Израиля, и конверты были щедро обклеены марками. Отклеить их от конверта и не повредить было напрасным трудом. Мы просто аккуратно вырезали их вместе с бумагой от конверта.

Моя увлеченность марками постепенно сошла на нет. Но все мои восемнадцать кляссеров я сохранил и привез с собой в Израиль. О своей детской любви я вспомнил после выхода на пенсию. Кляссеры разного размера и цвета стояли теперь на двух полках в моей «аннексированной» комнате. Здесь нашлось место и для пластинок моих любимых джазовых оркестров и музыкантов. Джазом я увлекся уже в студенческие годы…

С той стороны двери снова послышался голос жены. Звучал он как последний пушечный залп перед сдачей позиции:

– Можешь и дальше там сидеть со своим старьем. Мы идем в кино. Сегодня показывают новый фильм – «Чужое лицо».

Это «мы» давало мне понять, что выбор сделан… Ну что ж, у меня отныне выбора нет! Я должен серьезно поговорить с незнакомцем из моего сна!

А пока что я вынул из конверта мою любимую пластинку Дюка Эллингтона и поставил ее на проигрыватель. Ритмические звуки его знаменитого «Каравана» точно передавали мое нынешнее состояние. Кровь в моих жилах стучала в такт музыке и будила воспоминания…

Караван верблюдов продолжал свой путь. Большие горбатые животные навострили уши, будто прислушиваясь к натянутой струне времени, которая транслировала известную композицию. Погонщик, сухощавый мужчина, лицо которого было закрыто платком так, что оставались лишь узкие щелочки для глаз, затянул под нос мелодию или молитву, словно бы вторя саксофону...

С каждой пластинкой у меня связана отдельная история. Люди моего поколения, которые жили там, меня поймут. Нет, во времена моей молодости джаз уже не был под запретом, но стать обладателем пластинки с лейблом «Made in USA» было очень не просто. Я в то время учился в политехе, далеко от дома. Чтобы умудриться купить пластинку Бака Клейтона, к примеру, или Гарри Джеймса, Бенни Гудмена, Луи Армстронга, мне приходилось откладывать со стипендии и из тех денег, что мне присылали родители. Солидный куш! У фарцовщиков был неслабый аппетит.

На концерте нашего кишиневского земляка, джазового пианиста Леонида Чижика я познакомился со своей будущей супругой. Может, и эта встреча стала теперь для нее тем, что она называет старьем? Говорят, что рядом со старыми вещами ты и сам стареешь. А может быть, совсем наоборот: старение способно возвращать нас к событиям молодости и наполнять старые вещи свежими чувствами. Мне вспомнилось, как полтора года назад, сразу после выхода на пенсию, я отправился навестить мой родной город. Через двадцать с лишним лет после того, как мы покинули его навсегда. Сказать по правде, не ностальгия влекла меня. Город моего детства и юности уже давно превратился в археологический слой, который осел на самое дно моей памяти. Редко когда посреди жизненной суеты у меня вдруг начинало саднить сердце: это отрывался от окаменевшей породы и поднимался на поверхность осколок воспоминаний.

Я ехал на могилу предков – к моим деду с бабушкой и отцу (мама умерла в Израиле). Я не забыл их дорогих могил, каждый год платил местной семье, чтобы та приглядывала за ними.

Кладбище здесь приютилось на склоне холма. Стоя наверху, прежде чем спуститься к родным могилам, я поймал себя на парадоксальной мысли: кладбище, на котором не появляются новые погребения, подобно колодцу, которое больше не питают живые родники.

«Мертвые хранят живых», – сказал мой дед незадолго до смерти. Лишь годы спустя я понял значение этих слов и связал их с фразой, которую часто слышал от мамы и бабушки. Они

произносили ее вслед за именем покойного: «Пусть трудится». Это означало – пусть он делает свою работу: просит перед Вс-вышним за живых.

На могилах злорадствовал дикий бурьян, который давал понять, что здесь, на этом свете, он полноправный хозяин. Я почувствовал себя прохожим, на которого со всех сторон обрушиваются немые упреки вечности.

Могилы бабушки и отца находились недалеко друг от друга. Дедушка был похоронен в другой стороне кладбища, в том ряду, к которому вплотную подступала рощица. Бабушка пережила его на двадцать с лишним лет. С тех пор кладбище сильно разрослось. А после девяностых оно осиротело. Двадцать первый век в нем больше не нуждался. Местные евреи, которым суждено было умереть и отправиться к Вс-вышнему «трудиться», делают это на погостах чужих далеких стран.

Три камешка, оставленных на каждом надгробии, были похожи на осколки моей памяти. Я почувствовал боль в груди. Она разрасталась, как круги на воде от брошенного камня…

В комнату вошла жена.

– Ну что, – едва произнес я, будто только что очнулся ото сна, – вам понравился фильм?

Она посмотрела на меня пристально, будто через объектив, и сказала:

– О каком фильме ты говоришь, не понимаю. И с каких это пор ты перешел со мной на «вы»?

– Я имею в виду того чужака… Ты ведь с ним ушла…

Она оборвала меня:

– С тех пор, как ты вышел на пенсию, ты будто помешался. Не спишь по ночам, ходишь по дому как чумной. Прошу тебя, ты должен что-то сделать со своей новой жизнью!..

И музыкальный «Караван» во главе со своим великим погонщиком Дюком Эллингтоном стал медленно отдаляться от меня. Все тише и тише звучала его мелодия, а в ней растворялся мой затянувшийся сон…

* «Да возвысится и освятится великое Имя Его...»

** Нееврейка.

**באָריס סאַנדלער**

**Борис САНДЛЕР**

# אונטער די קלאַנגען פֿון דזשעז

דער קאַראַוואַן פֿון פֿינף קעמלעך האָט זיך ניט־אײַליק באַוועגט אין טאַקט פֿון קורצע קעמל־טריט. פֿינף שטאָלצע קעמלעך האָבן געציילט די מײַלן מיט זייערע פֿוסזוילן, לאָזנדיק נאָך זיך אויפֿן צעגליטן זאַמט שמאָלע שטעפּלעך. די אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן זיי געהאַלטן צוגעמאַכט, אפֿשר אַפֿילו געכאַפּט אַ דרעמל, גייענדיקערהייט, פּונקט ווי זיי האָבן כּסדר, זינט דער לעצטער סטאַנציע איינערנעכטן, דעם גאַנצן וועג נישט אויפֿגעהערט צו מעלה־גירהן. זייערע שמאָלע שפּאַרונעס־נאָזלעכער האָבן לײַכט וויברירט, זיך צוגעשמעקט צו דער צעשמעלצטער לופֿט. זיי האָבן שוין געפֿילט צווישן די הייסע לופֿטשיכטן דאָס פֿרישע ווינטעלע פֿונעם אָאַזיס, דעם גן־עדן־אינדזל אין מיטן דעם מידבר. פֿינף קעמלעך, ווי פֿינף ברידער פֿון איין דזשעז־באַנדע...

מײַן חלום האָט זיך איבערגעריסן צוזאַמען מיט די קלאַנגען פֿון דיוק עלינגטאָנס באַרימטער דזשעז־קאָמפּאָזיציע „קאַראַוואַן“; פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, בלויז איבערגעלאָזט אויפֿן ראַנד פֿון מײַןווירקלעכקייט אַ פּנים, ווי אַ כוואַליע וואַרפֿט אַרויס פֿון אירע טיפֿענישן אויפֿן ברעג אַ זאַך, מיט יאָרנלאַנג דערטרונקען געוואָרן.

כ׳האָב דאָס פּנים ממש אַרויסגעכאַפּט פֿונעם חלום אין דער לעצטער רגע און אויפֿגעוואַכט. אַזוי איז עס שוין פֿאַרבליבן מיט מיר אין מײַן טאָג־טעגלעכקייט. ריכטיקער געזאָגט, אין מײַן מוח. ס׳האָט אויסגעזען גאָר קענטלעך, מעגלעך אַפֿילו פֿאַרבונדן מיט אַ געשעעניש אין מײַן לעבן; אָבער פֿינקטלעכער — וואָס און ווען, האָב איך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. איז דאָס פּנים געבליבן דערווײַל אַזוי „הענגען“ אין מײַן קאָפּ, זיך באָמבלען, ווי אַ צינגל אין אַ גלאָק. אָט גיב איך מײַן קאָפּ אַ דריי אויס אין איין זײַט, אין אַן אַנדערער, זיך אַ בייג אָן אָדער פֿאַרקערט, גלײַך זיך אויס — און דאָס גלעקל רופֿט זיך אָפּ: „דזין־דזין, כ׳בין דאָ...“

כ׳האָב געפּרוּווט זיך דערמאָנען אינעם חלום, כּדי דאָרט צו געפֿינען דאָס אָרט פֿאַר דעם פּנים; ווי מע זאָגט, אויפֿצושטעלן די קייט פֿון געשעענישן. ניין... זי האָט זיך יעדעס מאָל געריסן, די קייט. די רינגען האָבן זיך אָפּגעטשעפּעט — איין רינג פֿון אַנדערן — און זיך צעשאָטן. נעלם געוואָרן אין דער שאַרף־העלער שײַן, וואָס האָט מיר פֿאַרבלענדט די אויגן און געצווּנגען זיי אויפֿצומאַכן און אויפֿוואַכן, אַנדערש וואָלט די צעשמעלצטע משׂא פֿון מײַן חלום פֿאַרוואַנדל מײַנע שוואַרצאַפּלען אין צוויי קוילעכלעך. האָבן מײַנע אויגן־דעקלעך מיך געראַטעוועט — זיך אויפֿגעדעקט, כ׳זאָל קאָנען זען די ווייכע זון־שטראַלן פֿונעם פֿרימאָרגן. נאָר דאָס אומבאַקאַנט־קענטלעך פּנים איז פֿאַרבליבן מיט מיר.

ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז פֿון דאָרטן, פֿונעם מידבר פֿון מײַנע חלומות, וועל איך קיין ענטפֿער נישט באַקומען. כ׳מוז אים זוכן אין מײַן זכּרון־גניזה, ווו עס ליגן אַלע אַנדערע פּנימער, וואָס האָבן זיך מיר באַגעגנט אין גאַנג פֿון מײַנע יאָרן. אייניקע פֿון זיי האָבן געשפּילט אין מײַן לעבן אַ וויכטיקע ראָלע. אייגנטלעך, האָט זיך פֿון זיי מײַן לעבן אָנגעהויבן. זיי זײַנען נישט געווען סתּם סטאַטיסטן, נישט באַהאַלטן זיך אונטער שיינע מאַסקעס, נאָר זיך אײַנגעקריצט און אײַנגעבאַקן געוואָרן זייער בולט, גאַנץ אָפֿן כ׳זאָל זיי געדענקען. אָט די פּנימער זײַנען פֿאַר מיר געבליבן ווי טײַערע פּערל, אָנגעסיליעט אויף אַ קורץ זײַדן שנירל קאַרעלן. איך קען זיי אָנטאַפּן מיט די פֿינגער און זאָגן אַ שורה פֿון דער הייליקער תּפֿילה: זיידע, באָבע, טאַטע, מאַמע — יתגדל ויתקדש שמה רבא...

כ׳דערמאָן זיך, ווי צום זיידן — אַ פֿרומער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, האָט מײַן באָבע איין מאָל אַרײַנגעפֿירט אין דער „בעסעדקע“ בײַ אונדז אין הויף אַ גויה. נישט געקוקט אויפֿן הייסן זומער־טאָג, איז די פּויערטע געווען אָנגעפּרענדעט אין אַ טוץ שוואַרצע קליידער און טוכן. זי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם זיידן, ווי איר ווײַס פֿלאַך פּנים מיט אַ רויטלעך־פֿאַרריסענער נאָז און בלויע אויגן וואָלט זיך פּלוצעם אָנגעשפּאַרט אין דער דורותדיקער מחיצה פֿון שרעק און בילבולים, וועלכע האָט אָפּגעטיילט די גויה פֿון דעם אַלטן „זשיד“.

וואָס האָט געקאָנט אַזוינס געשען, אַז די פֿרעמדע פֿרוי זאָל קומען צו מײַן זיידן? זי האָט געזען אין שלאָף אַ שרעקלעכן חלום. קלוגע מענטשן האָבן איר געעצהט צו פֿאָרן אויף דרום און זיך טרעפֿן מיט אַ פֿרומען ייִד. איך ווייס נישט, וואָס איז געווען איר חלום. כ׳האָב נאָר אונטערגעהערט, ווי דער זיידע, נישט אָפּרײַסנדיק די אויגן פֿון זײַן ספֿר, האָט געזאָגט אויף אַ קול — צי צו זיך אַליין, צי צו דער באָבען, צי צו דער גויה — „כּל החלומות הולכים אחר הפּה“.

די באָבע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער גויה, וואָס איז, נעבעך, געשטאַנען אַ פֿאַרגליווערטע, ווי דעם זיידנס ווערטער וואָלטן אויף איר געפֿאַלן ווי אַ בייזער כּישוף. „אַבֿרהם, — האָט די באָבע זיך אָנגערופֿן, — רעדסט מיט ווײַבער, איז רעד אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך...“. איך, וואָס כ׳בין געשטאַנען לעבן דער באָבען, בין, אַוודאי, אין חשבון נישט אַרײַן.

— אויב מע טײַטשט אויס דעם חלום צום גוטן, — האָט שוין אויסגעזונגען דער זיידע אויף ייִדיש, — ווערט מקוים דאָס גוטע. און אויב מע טײַטשט אים אויס צום שלעכטן, ווערט מקוים דאָס שלעכטע.

דער זיידע, נאָך אַלץ גראָבנדיק זיך מיט זײַן שפּיציקער נאָז אינעם ספֿר, האָט סוף־כּל־סוף אויסגעפּאָרפּלט פֿון דאָרט דאָס נייטיקע קערנדל: „זאָל זי פֿאַסטן אַ טאָג מיט אַ זונטיק!“

זײַנע ווערטער האָבן פֿאַר מיר געקלונגען פּונקט ווי די ווערטער, וועלכע עס פֿלעגט אַרויסברענגען אויף די ליפּן דער קינדער־דאָקטער נאָכן אַרײַנקוקן מיר אין האַלדז, איידער ער האָט אויסגעשריבן דעם רעצעפּט.

די באָבע האָט בשעת־מעשׂה באַגלייט די גויה ביזן הויף־טירל און זיך אומגעקערט צום

פֿויערישן גראָב־געפֿלאָכטענעם קויש, וואָס די גויה האָט איבערגעלאָזט אויף דער פּריזבע...

אין מײַן קינדערשן זכּרון האָט זיך אָפּגעזעצט דאָס בלאַס־אָנגעשראָקענע פּנים פֿון דער פּויערטע. דעמאָלט בין איך זיכער געווען, אַז דעם זיידנס „רפֿואה" האָט אַוודאי געהאָלפֿן דער פֿרוי „פֿאַרטײַטשן איר חלום צום גוטן", פּונקט ווי די ביטערע מיקסטורע האָט מיר געהאָלפֿן זיך אויסצוהיילן פֿון דער וויסטער אַנגינע...

אַ גוטע עצה, האָב איך געטראַכט מכּוח מײַן אייגענעם חלום, צו פֿאַרטײַטשן אים מיט גוטן. און טאַקע: פֿאַר וואָס זאָל מײַן טראָפֿיי, דאָס פּנים פֿונעם חלום, זײַן אַ שלעכטס?! מײַן באָבע האָט געהאַט אַ זעלטענעם טאַלאַנט צו דערקענען „שלעכטע פּנימער". זי פֿלעגט אַזאַ פּנים דערשמעקן אויף אַ מײַל. „אַ שלעכט פּנים קאָן, חלילה, געבן אַ גוט־אויג!" — האָט די באָבע געטענהט. און אַז כ'בין אין אַזאַ מינוט געווען לעבן איר, האָט זי מיך באַלד צו זיך צוגעדריקט און צוגעדעקט מיט אַן עק פֿון איר פֿאַרטעך. זי האָט דעם פֿאַרטעך, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט אַראָפּגענומען, סײַדן פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן. כ'דערמאָן זיך, אַז די באָבע האָט אַפֿילו געהאַט צוויי פֿאַרטעכער: איינער אַ „שטוביקער", שוין אין גאַנצן פֿאַרפֿלעקט און צעקנייטשט, און דער צווייטער אַ „דרויסנדיקער". די באָבע פֿלעגט אים אָנטאָן, ווען זי איז געגאַנגען עפּעס אײַנקויפֿן אין מאַרק.

ווי אַזוי האָט אַן עק פֿון מײַן באָבעס פֿאַרטעך געקאָנט מיך ראַטעווען פֿון אַ גוט־אויג, האָב איך פֿאַרשטאַנען מיט אַ סך יאָר שפּעטער. לאָזט זיך אויס, ס'איז דאָ אַזאַ גלויבעניש, אַז אויב די פֿרוי טראָגט נישט קיין פֿאַרטעך, בפֿרט אין איר מאָנאַטלעכער צײַט, קאָנען די שדים אָדער דיבוקים האָבן איבער איר שליטה, ווי איבער אַ ייִד, וואָס זײַן ציצה איז פּסול געוואָרן.

ווּ זאָל איך הײַנט נעמען אַזאַ „באָבעס פֿאַרטעך"?

פֿון דעסטוועגן, בין איך געווען כּמעט זיכער, אַז דאָס פּנים, אַרײַנגעשלעפּט פֿונעם חלום אין מײַן טאָג־טעגלעכקייט, וועט זיך אויסמענטשלען, באַקומען אַ קאָנקרעטן אויסזען און כ'וועל עס נישט דאַרפֿן באַהאַלטן נישט פֿון אייגענע און נישט פֿון פֿרעמדע. שטעלט זיך פֿאָר, אַז ס'איז טאַקע אַזוי געשען. כ'האָב באַמערקט, אַז מײַן פּלוניתטע האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן פּוצן. שיִעור נישט יעדעס מאָל, פֿאַרבײַגייענדיק דעם שפּיגל אינעם אייבערשטן צימער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן, אַרײַנגעקוקט אַ רגע און זיך פֿאַרראָכטן די האָר אויפֿן קאָפּ.

כ'וואָלט עס פֿאַרשטאַנען, ווען מיר קלײַבן זיך ערגעץ גיין צו גאַסט אָדער אין רעסטאָראַן, אָבער נישט סתּם אַזוי, כּדי צו זיצן אַנטקעגן דעם טעלעוויזאָר אַ גאַנצן אָוונט. מאָדנע, אַיאָ? נאָך כּמעט פֿערציק יאָר פֿון זאָגן „הרי־אַתּ" און האָבן קיין עין־הרע צוויי אייניקלעך, זעט עס מיר באמת אויס קאָמיש. האָב איך זי געפֿרעגט, מײַן באַשערטע: „וואָס קומט דאָ, טײַערינקע, פֿאָר?" — האָט זי מיר געשענקט אַ בליק, וואָס אַפֿילו צען פֿאַרטעכער פֿון מײַן באָבען וואָלטן מיך פֿון אים נישט געקאָנט באַשיצן.

— דו פֿרעגסט בײַ מיר? — האָבן אָנגעהויבן זיך גיך צעוויקלען די פּיצינקע ספּרוזשינקעלעך אין די ווינקעלעך פֿון אירע אָנגעפֿאַרבטע ליפּן, — שוין אַ היפּש שטיקל צײַט דרייט זיך בײַ אונדז

אין שטוב אַרום אַן אומבאַקאַנט פּנים, שווינדלט פֿאַר די אויגן הין־און־הער, ווי אַ געשפּענסט...

גאָט מײַנער, בין איך געבליבן זיצן אַ פּריטשמעליעטער, הייסט עס, אַז דאָס פּנים פֿון מײַן חלום איז שוין אַרויס פֿון מײַן קאָפּ און טראָגט זיך דאָ אַרום איבער דער שטוב...

מײַן פֿרוי קאָן שוין אויפֿן אָרט נישט אײַנזיצן. זעט אויס, אַז אויך אַנדערע טיילן פֿון איר קערפּער פֿאַרמאָגן ספּרוזשינעס פֿון פֿאַרשיידענער גרייס און קראַפֿט.

— וואָס קומט מיט דיר לעצטנס פֿאַר? כ׳דערקען דיך נישט! וואָס איז געוואָרן מיט יענעם מענטשן, וואָס כ׳בין גרייט געווען מיט אים זיך לאָזן אין וואַסער און אין פֿײַער? זינט ביסט אַרויס אויף פּענסיע, זע איך דיך שטענדיק אָנגעכמורעט און פֿאַראומערט... האָסט ממש פֿאַרלוירן דײַן אייגן פּנים!..

דאָ האָב איך שוין אַרויסגעוויזן קול:

— און יענץ פּנים, וואָס דו פּוצטסט זיך און שמינקטסט זיך צוליב אים, איז עס דיר ניחא?!

— זאָלסט טאַקע וויסן... איך זע אין יענעם פּנים דיך — דײַן אַמאָליקן שמייכל, דײַן חן, דײַן מאַנצבילשן פֿײַער אין די אויגן...

— שוין... גענוג... כ׳האָב אַלץ פֿאַרשטאַנען! — האָב איך פּלוצעם דערפֿילט ווי עס הייבט אין מיר אָן זידן אַ דאַמפֿקעסל.

בין איך אַוועק אין מײַן צימער, אויסצומײַדן אַן אויפֿרײַס. אַמאָל איז עס געווען מײַן טאָכטערס צימער, אָבער ווען זי האָט חתונה געהאַט און זיך אַריבערגעצויגן מיט איר מאַן אין דער געדונגענער דירה, האָב איך דעם שטח שטיל „אַנעקסירט”. אייגנטלעך, בײַם אָנהייב האָב איך דאָרט גאָרנישט געטשעפּעט. מאַלע וואָס, חלילה־וחס... דער טאַטע־מאַמעס שטוב איז פֿאַר די קינדער שטענדיק אָפֿן. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און דער צימער, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט מײַן ווײַב, האָט „באַקומען דײַן פּנים”. דאָס הייסט, כ׳האָב אַהער אַריבערגעטראָגן מײַן אָפּגעריבענעם פּאָטעל און די פּאָליצעס מיט מײַנע אַלבאָמען, ווו עס היטן זיך אָפּ מײַנע אוצרות — די פּאָסט־מאַרקעס.

פּאָסט־מאַרקעס האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען בײַ מײַנע צען יאָר. אין די סוף פֿופֿציקער האָט זיך דאָס זאַמלען מאַרקעס פֿאַרשפּרייט צווישן די ייִנגלעך ווי עפּעס אַ מגפֿה, נישט דאָ געדאַכט. באַזונדערס פּאָסט־מאַרקעס, פֿאַרבונדן מיטן קאָסמאָס. די מאַרקעס פֿלעג איך האַלטן אין איינעם פֿון מײַן זיידנס ספֿרים — אַ דיקער, אַ שווערער, אין אַ האַרטן אײַנבונד. די זײַטלעך, כאָטש זיי זײַנען שוין געווען פֿאַרגעלט, האָבן זיי סײַ־ווי אויסגעזען פֿעסטער און פֿאַרלאָזלעכער, איידער דאָס פּאַפּיר אין מײַנע ביכער. צווישן אָט די אַלטע זײַטלעך מיט אומבאַקאַנטע אותיות, ברייט אויסגעשטעלט שורותווײַז, האָב איך פֿאַרטרויט מײַן קאָסמישע קאָלעקציע. דער זיידע האָט וועגן דעם אַוודאי נישט געוווּסט, סײַדן איין מאָל, ווען כ׳בין געזעסן אויפֿן פֿענצטערברעטל און זיך אײַנגעקוקט אין אַ לעצטנס־אויסגעטוישטער מאַרקע, האָב איך נישט באַמערקט ווי ער איז שטילערהייט צו מיר צוגעגאַנגען.

כ'האָב זיך געכאַפּט ערשט, ווען דער זיידע, אַ פֿאַרחידושטער האָט זיך אָנגערופֿן:

— קוקסט אַרײַן אין מײַן ספֿר? ווילסט זיך אפֿשר אויסלערנען דעם אלף־בית? — האָט ער פֿאַרטײַטשט מײַן אינטערעס צום ספֿר אויף זײַן אייגענעם אופֿן.

כ'האָב דערהערט עפּעס אַ שטאַמלעניש — מײַן ענטפֿער אויפֿן זיידנס שוואַכער האָפֿענונג, אַז סוף־כּל־סוף, האָט זיך זײַן אייניקל גענומען צום שׂכל. נאָר איך בין באַלד פֿון מײַן סידעלע אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צו דער עטאַזשערקע מיט ספֿרים, ווו אויף דער צווייטער פּאָליצע, נאָכן צווייטן ספֿר פֿון רעכטס איז געווען דאָס אָרט פֿאַר „מײַן" ספֿר.

דעם ערשטן אמתן קליאַסער־אַלבאָם פֿאַר מאַרקעס האָט מיר געקויפֿט דער טאַטע, בעת זײַן קאָמאַנדירונג אין מאָסקווע. וועגן אַ בעסערער מתּנה האָב איך אַפֿילו טרוימען נישט געקאָנט. דער טאַטע האָט בפֿירוש געשטיצט מײַן ווערן פֿאַרכאַפּט מיטן זאַמלען מאַרקעס. כ'האָב געהערט, ווי ער האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז „ס'איז אַ גוטע זאַך... פּאָסט־מאַרקעס איז דאָך אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך. ס'איז דאָ וואָס זיך צו לערנען..." די מאַמע האָט עס אָפּגעשאַצט אַנדערש: „ס'איז בעסער, איידער אַרומטראָגן זיך גאַנצענע טעג אין דרויסן..."

אַ חוץ די מאַרקעס אויף דער טעמע פֿון קאָסמאָס זײַנען צווישן די ייִדישע חבֿרה באַליבט געווען די ישׂראלדיקע פּאָסט־מאַרקעס. מײַן ערשטע ישׂראלדיקע מאַרקע האָב איך אויסגעטוישט פֿאַר דרײַ קאָסמישע. דורך זיי האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די אותיות אין מײַן זיידנס ספֿר זײַנען ענלעך צו די אותיות אויף די ישׂראל־מאַרקעס. דער זיידע האָט שוין צו יענער צײַט נישט געלעבט, און מײַנע ערשטע פֿינף אותיות פֿונעם אלף־בית האָב איך זיך אויסגעלערנט צו לייענען אַליין. אמת, לויט מײַן אייגענעם פֿאַרשטאַנד: „י־ז־ר־אַ־ל" — אַזוי האָב איך די פֿינף אותיות באַקלאַנגיקט. אַזוי, האָב איך דעמאָלט געטראַכט, קלינגט דאָס לאַנד אויף דער שפּראַך פֿון די ישׂראל־אײַנוווינער.

כ'געדענק, אַז די ישׂראלדיקע פּאָסט־מאַרקעס זײַנען גאָר גיך געפֿאַלן אין פּרײַז. ס'איז דווקא נישט געווען פֿאַרבונדן מיט דער אַנטי־ציוניסטישער קאַמפּאַניע אין יענער צײַט. כּמעט אַלע פֿון אונדזערע שכנים פֿלעגן דעמאָלט באַקומען בריוו פֿון ישׂראל, וואָס די קאָנווערטן זײַנען געווען ממש אַרומגעקלעפּט מיט פּאָסט־מאַרקעס. זיי אָפּצוקלעפּן פֿונעם קאָנווערט און נישט קאַליע מאַכן די מאַרקע, איז געווען כּמעט אַן אַמזיסטיקע מי; האָט מען די מאַרקע פּשוט אַקוראַט אויסגעשניטן, צוזאַמען מיטן קאָנווערט.

מײַן פֿאַרכאַפּטקייט צו זאַמלען פּאָסט־מאַרקעס איז ביסלעכווײַז אָפּגעקילט געוואָרן. אָבער אַלע מײַנע אַכצן קליאַסערס האָב איך פֿאַרהיט און זיי געבראַכט מיט זיך קיין ישׂראל. כ'האָב זיך דערמאָנט אין מײַן קינדערשער נטיה טאַקע גאָר אין גיכן נאָכן אַרויסגיין אויף פּענסיע. די קליאַסערס פֿון פֿאַרשיידענער הייך און קאָליר זײַנע איצט געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף צוויי פּאָליצעס אין מײַן „אַנעקסירטן צימער". דאָ האָבן זיך אויך געפֿונען די פּלאַטעס מיט מײַנע באַליבטע דזשעז־אָרקעסטערס און מוזיקערס. מיט דזשעז־מוזיק בין איך פֿאַרכאַפּט געוואָרן שוין שפּעטער, אין דער צײַט פֿון מײַן סטודענטשאַפֿט...

פֿון יענער זײַט טיר האָט זיך ווידער דערהערט מײַן ווײַבס קול, וואָס האָט שוין געקלונגען ווי דער לעצטער האַרמאַטן־זאַלפּ פֿאַרן פֿאַרלאָזן די פּאָזיציע:

— קאָנסט ווײַטער זיצן דאָרט פֿאַרשפּאַרט מיט דײַן אַלטוואַרג. **מיר** גייען אין קינאָ. מע ווײַזט הײַנט אַ נײַעם פֿילם — „אַ פֿרעמד פּנים“.

דער „מיר“ האָט געזאָלט צו וויסן געבן, אַז דער אויסוואַל איז געמאַכט געוואָרן: פֿאַר מיר איז קיין אַנדער ברירה נישט געבליבן! כ׳וועל שוין מוזן מיט מײַן גאַסט פֿונעם חלום האָבן אַן ערסטן שמועס פּנים־אל־פּנים. דערווײַל אָבער האָב איך אַרויסגעשלעפּט פֿונעם קאָנווערט מײַן באַליבטע פּלאַטע פֿון דיוק עלינגטאָן און זי געשטעלט שפּילן. די ריטמישע קלאַנגען פֿון זײַן באַרימט ווערק „קאַראַוואַן“ האָט פּינקטלעך איבערגעגעבן מײַן איצטיקע שטימונג. דאָס בלוט אין די שלייפֿן האָט געשלאָגן אין איין טאַקט מיט דער מוזיק, און געוועקט דערמאָנונגען...

דער קעמל־קאַראַוואַן האָט געהאַלטן זײַן וועג ווײַטער. די גרויסע האָרבאַטע בהמות האָבן אָנגעשפּיצט זייער אויערן, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו דער אָנגעצויגענער סטרונע פֿון צײַט, וואָס האָט זיי טעלעגראַפֿיש איבערגעשיקט די באַקאַנטע דזשעז־קאָמפּאָזיציע, זיי זאָלן האַלטן זייער גאַנג בײַ איר ריטעם. דער אָנטרײַבער אַן אײַנגעטרוקענער מאַנספּאַרשוין, דאָס פּנים פֿאַרדעקט מיט אַ שמאַטע, אַז נאָר די שמאָלע שפּאַרונקעלעך פֿאַר די אויגן זאָלן זײַן אָפֿן, האָט געפֿאָנטעט אונטער דער נאָז אַ לאַנגזאַמען ניגון, אָדער אַ תּפֿילה, נאָכמאַכנדיק אַ סאַקסאָפֿאָן...

מיט יעדער פּלאַטע איז בײַ מיר פֿאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע. מענטשן פֿון מײַן דור, וועלכע האָבן געוווינט אין יענע מקומות, וועלן מיך באַלד פֿאַרשטיין. ניין, אין דער צײַט פֿון אונדזער יוגנט איז דזשעז־מוזיק שוין געווען ניט קיין טריפֿע זאַך, כאָטש צו קריגן אַ פּלאַטע מיטן שטעמפּל Made in USA איז געווען גאָר נישט פּשוט. איך האָב זיך דעמאָלט געלערנט אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, ווײַט פֿון דער היים, און כּדי צו פֿאַרגינען זיך קויפֿן אַ פּלאַטע פֿון באַק קלייטאָן, למשל, אָדער האַרי דזשיימס, בעני גודמען אָדער לויִס אַרמסטראָנג — האָב איך געמוזט אָפּצופּן פֿון מײַן חודשלעכער סטיפּענדיע און פֿונעם קעשענע־געלט, וואָס מײַנע עלטערן פֿלעגן מיר צושיקן, אַ פֿעט שטיקל. די פֿאַרצאָוושטשיקעס־ספּעקולאַנטן האָבן געהאַט אַ ווילדן אַפּעטיט.

אויפֿן קאָנצערט פֿון אונדזער קעשענעווער לאַנדסמאַן, דעם דזשעז־פּיאַניסט לעאָניד טשיזשיק האָב איך זיך טאַקע באַקענט מיט מײַן קינפֿטיקער פּלוניתטע. שוין זשע האָט זי עס פֿאַרגעסן. צי אפֿשר איז עס איצט אויך געוואָרן אַ טייל פֿון דעם, וואָס זי רופֿט — „אַלטוואַרג“?! מע זאָגט, אַז דאָס האַלטן זיך בײַם אַלטוואַרג מאַכט אַלט. און אפֿשר איז עס פּונקט פֿאַרקערט: דאָס עלטערן זיך קערט אונדזע אַלץ מער אום צום דורכגעלעבטן, און פֿילט דאָס אַלטוואַרג אָן מיט פֿרישע געפֿילן...

כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי מיט אַן אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, גלײַך נאָך מײַן פּענסיאָנירן, בין איך געפֿאָרן אויף אַ באַזוך אין מײַן היים־שטאָט, נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר זינט מיר האָבן זי פֿאַרלאָזט אויף שטענדיק. דעם אמת געזאָגט, האָט מיך נישט די בענקשאַפֿט געצויגן אַהין; די שטאָט

פֿון מײַן קינדשאַפֿט און יוגנט איז שוין לאַנג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין אַרכעאָלאָגישן שיכט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויפֿן דנאָ פֿון מײַן זכּרון. זעלטן ווען, בשעתן געיעג פֿון מײַן מטורפֿדיקער טאָג־טעגלעכקייט, פֿלעגט מיר פּלוצעם אַ נאָג טאָן אונטערן האַרצן — אַ פֿאַרשטיינערטער שפּליטער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דעם כּמעט פֿאַרגעסענעם שיכט און זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם דנאָ אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון מײַן קיום.

כ׳בין געפֿאָרן אויף קבֿר־אָבֿות — צו מײַנע זיידע־באָבע און מײַן טאַטן. די מאַמע איז געשטאָרבן אין ישׂראל. כ׳האָב זייערע קבֿרים נישט פֿאַרגעסן, באַצאָלט יעדעס יאָר אַן אָרטיקער משפּחה מ׳זאָל נאָך זיי קוקן. דער בית־עולם האָט זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ, אַזוי אַז אין די געציילטע מינוטן פֿון שטיין אויפֿן שפּיץ־באַרג, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, איידער זיך לאָזן מיטן וועגן אַראָפּ צו די טײַערע מצבֿות פֿון מײַנע נאָענטע מענטשן, — איז מיר אײַנגעפֿאַלן דער פּאַראַדאָקסאַלער געדאַנק: אַ בית־עולם, וואָס ווערט נישט באַזעצט מיט נײַע קבֿרים, איז געגליכן צו אַ קערניצע, וואָס אַלע אירע לעבעדיקע וואַסער־קוואַלן האָבן זי פֿאַרלאָזט.

„טויטע היטן אָפּ די לעבעדיקע“, — האָט געזאָגט מײַן זיידע נישט לאַנג פֿאַרן טויט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך בעסער פֿאַרשאַנען דעם זין פֿון די ווערטער און זיי פֿאַרבונדן מיט אַן אַנדער זאָג, אָפֿט געהערט פֿון דער באָבען און מאַמען. זיי פֿלעגן עס אַרויסברענגען ווי אַן אײַנגעהזרטן געבאָט באַלד נאָכן נאָמען פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם: „זאָל זיך מיִען“, דאָס הייסט, גיין, לויפֿן, טאָן זײַן אַרבעט — בעטן בײַם אייבערשטן פֿאַר די לעבעדיקע.

די ווילדע בוריאַנעץ אויף די קבֿרים האָב מיט שאָדנפֿרייד געגעבן צו וויסן, אַז דאָ, אויף דער וועלט, זײַנען זיי די גאַנצע באַלעבאַטים. כ׳האָב זיך געפֿילט ווי אַ דורכגייער, וואָס כאַפּט פֿון אַלע זײַטן שטומע פֿאָרוווּרפֿן פֿון דער אייביקייט.

די מצבֿות פֿון דער באָבען און טאַטן זײַנען געשטאַנען נישט ווײַט איין מצבֿה פֿון דער אַנדערער. דעם זיידנס קבֿר האָט זיך געפֿונען אינעם אַנדערן עק בית־עולם, אין דער שורה, וואָס האָט שוין געגרענעצט מיט אַ שיטער וועלדל. די באָבע האָט אים איבערגעלעבט אויף עטלעכע און צוואַנציק יאָר. זינט דעמאָלט האָט דער בית־עולם זיך היפּש צעוואַקסן. נאָך די נײַנציקער יאָרן איז ער פֿאַרבליבן אויף הפֿקר. דער 21סטער יאָרהונדער האָט זיך מער אין אים נישט געניײטיקט. די היגע ייִדן און ייִדישע פֿרויען, וועמען עס איז באַשערט געווען זיך לאָזן צום אייבערשטן זיך מיִען, האָבן עס שוין געטאָן פֿון זייערע קרקעות אין ווײַטע פֿרעמדע לענדער.

די דרײַ שטיינדלעך, געלאָזט אויף יעדער מצבֿה, זײַנען ווי אָפּגעריסן געוואָרן פֿון יענעם אַרכעאָלאָגישן אָנדענק־שיכט אין מײַן זכּרון. כ‘האָב געפֿילט דעם ווייטיק אין מײַן ברוסט אַרום האַרץ. ער איז זיך צעגאַנגען ווי קרײַזן אויפֿן וואַסער פֿון אַ געוואָרפֿענעם שטיינדל...

אין מײַן „אַנעקסירטן צימער“ איז אַרײַנגעגאַנגען מײַן פֿרוי.

— נו, — האָב איך אָנגעהויבן שטאַמלען, ווי פֿון שלאָף, — ס׳איז אײַך געפֿעלן געוואָרן דער פֿילם?

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט איין אויג, אָפּשאַצעריש, ווי דורך אַ שפּאַקטיוו און זיך אָנגערופֿן:

— וועגן וואָס פֿאַר אַ פֿילם רעדסטו, פֿאַרשטיי איך נישט. און פֿון ווען אָן האָסטו מיך אָנגעהויבן „אירצן‟?

— כ׳מיין, „אַ פֿרעמד פּנים‟... ביסט דאָך געגאַנגען מיט אים...

זי האָט מיך אָפּגעהאַקט:

— זינט ביסט אַרויס אויף פּעניסע, האָט זיך ביַי דיר אין קאָפּ עפּעס ווי איבערגעשלאָסן: די גאַנצע נאַכט דרייסטו זיך פֿון איין זיַיט אויף אַן אַנדערער, און דעם גאַנצן טאָג גייסטו אַרום אין שטוב, ווי אַ פֿאַרטשאַדעטער. כ׳בעט דיך, דו דאַרפֿסט עפּעס טאָן מיט דיַין ניַי לעבן!..

און דער מוזיקאַלישער „קאַראַוואַן‟, אין שפּיץ מיט דעם גרויסן „אָנטריַיבער‟ דיוק עלינגטאָן האָט זיך פּאַמעלעך דערוויַיטערט פֿון מיר. אַלץ שטילער און שטילער האָבן זיך געהערט די קלאַנגען, און אין זיי האָט זיך צעשמאָלצן מיַין לאַנגער חלום.

**ברוקלין, יאַנואַר 2018**